## קורצער פרייטאג און שבת הגדול



שבת הגדול: איהר ווייסט, פאניע קורצער פרייטאג? מיר געפעלען א סך לשונות: יודיש, העברעאיש, ענגליש, פראנצויזיש. א חוץ איין לשון, וואס איך קען נישט פערטראגען.
קורצער פרייטאג: וועלכער לשון איז דאס?
שבת הגדול: מיין ווייבס מענה לשון.

## דאס ערשטע בריוועלע
### פון ליעטניק צו דער ליעטניטשקע

טייערע, לאכטיגע קריינדעל!
זאלסט וויסען, אז איך בענק אזוי נאך דיר, אז יעדעס מאל, ווען איך גיי צו צו דער קליידער-שאנק און זעה העננגען דיין שלאפראק, פיהל איך אזוי ווי איך וואלט דיך אליין געזעהען העננגען, אבער בעד פאלט מיך א זא אומעט: איך זעה, אז נישט דו העננסט נאר דיין שלאפראק.

### מיין לעטניסקעלע

איך האב מיר א לעטניסקעלע
א לעטניסקעלע א פראכט.
בייטאג ליג איך אין האמאק מיר
און אין דעם וואלד ביינאכט.
איך עס און טרינק און לעב א טאג,
אהן דאגות און אהן זארג,
ווייל ס'איז א פיין געוועלבעל דא,
וואס גיט דיר אלץ אויף בארג.

## פאר׳ן 1-טען
### שמועסען אין „גראנד"

אין „גראנד" זיצען צוויי אנגעשטעלטע, וועלכע זיינען אין אויף א פערשוין ביי א טישעל:
— זעהסט העניעק, דער חברה-מאן, וואס איז ארומגעריננעלט מיט א חברה מיידען, דער האט זיינם א גאנצען מיליאן זלאטים.
— אזוי? א גאנצען מיליאן זלאטים? און פאר׳ן 1-טען דערצו!...

* * *

— קאראלטשא, זי זעהען די בלאנדינקע דאמע ביים פראנט פענסטער. זי איז זעהר א סקראמנושע, זי רעדט קיינמאל נישט וועגען זיך.
— זי רופען האם אן סקראמנאשטש?
— נו, יא!
— ניין, דאס איז בלויז דיסקרעציע...

### דער פארזיכטיגער פאטער

פאטער (צום זוהן): נו, פעליקס, וואס האט דער לעהרער אויפגעשריבען?
זוהן: ער האט מיך געהייסען שרייבען וועגען מאריא שטוארט די ענגלישע קעניגין.
פאטער: שרייב נאר נישט אויף דיין שטוינער, מאך עס רעליקאט, אזוי אז די באבע זאל דיך נישט אריינקלאגען אין סאנד אריין דורך דער ענגלישע אמבאסאדע אין פוילען.

## מאטשעק, נעבעך!..

מאטשעק דער ענדעק ער קאכט זיך
ווי א סאמאוואר ער זידט,
און רעקלאמירט די היטלער "תורות
אז אלץ איז שולדיג נאר דער יוד...

---

און ער רעדט מיט שוים אויף ליפען
רעדט און רעדט און ווערט נישט מיד,
מיקען א לעבען מאכען — זאגט ער,
נאר סילאזט נישט אט דער יוד....

---

און ער העצט אזוי און פייערט
זיינס א יעדעס ווארט עס בריהט.
און ער רופט די פאטריאטען
נישט צו קויפען ביי קיין יוד....

---

אין די הייסע פאטריאטען
האט דער האס זיך שטארק צובליהט,
און אויף גאסען ווי די חיות
שרייען זיי, א טויט דעם יוד!...

---

איז איך טרעף אין גאס דעם מאטשעק
זעה איך ווי די שנאה גליהט,
אין דער האנד א גראבען שטעקען
האלט ער גרייט נאר פאר׳ן יוד....

---

מאטשעק פיהלט זיך איבערגליקליך
ווען ער הערט א באמבע טיפליהט,
און סיווערט חרוב א געוועלבעל
און רואינירט עס ווערט א יוד...

---

נאר ווען בלוס ווערט פראנקרייכס פרעמיער
טרויעריג ווערט דאן זיין געמיט,
ער קען די מעשה נישט פערשמערצען
א „בעזטשעלנאשטשי" פון א יוד...

---

און אזוי פון פריה ביז אוונד
זינגט זיך מאטשעק אפ זיין ליד,
פאר אלדאס בייז נאר אויף דער וועלט
סיכפרה" הינדעל איז דער יוד....

ש. ריבען

***

## בעסער פון שעקספיר׳ן
### דיר. צעלמייסטער און א יונגער שרייבער

א יונגער שרייבער בריינגט צום דיר. דוד צעלמייסטער א פיעסע. נאכן אדורכלייענען, פרעגט ער:
— נו, פאניע דירעקטאזשע, וואס זאגט איהר צו מיין פיעסע.
— פון איין סצענע — האט דיר. צעלמייסטער געענטפערט — בין איך ענטציקט. די סצענע וואלט שעקספירן אויך נישט איינגעפאלען.
— טאקע? וועלכע סצענע?
— דער טעלעפאן - געשפרעך אין 2-טען אקט!

### דער „צדיק"

„איך פיהר זיך מאראליש,
און ריין איז מיין לייב.
מיך קען נישט פערפיהרען
קיין יונגע ווייב.
„איך זיץ נישט מיט מיידלעך
ביז שפעט אין דער נאכט.
מיך קען אידר שוין טרעפען
אין בעט ארום אכט.
„איך האס ליקע ליבעס!
א שאנד און א פליך
אויף אלע הולטאיעס!" —
האט געזאגט יער יעוונוך....

## פייטעל און טרייטעל



פייטעל: זאג מיר, טרייטעל, וואס גיט מען היינט פאר דאלארען?
טרייטעל: 1 יאהר מיט 6 חדשים...

## אויף דער פרעמיערע
### אין א היגען טעאטער

מאן (צו דער פרוי): קום שנעלער ארויס פון דאנען.
פרוי: וואס איז? וואס אנטלויפסטו אין מיטען צווייטען אקט?
מאן: איך בין זעהר עהגליך צום מחבר פון דעם שטיק... דאס פובליקום מריטשעט שוין.... לאמיך ארוים מיט גאנצע ביינער.

### היינטיגע ווייבער, מישטיינסגעזאגט!

ערשטע: נו, פאני סרעבעיליסאווע, זי פאהרען ערגעץ היי-יאהר?
צווייטע: ניין, אין ערגעץ נישט.
ערשטע: פארוואס?
צווייטע: כ'שעהם זיך, כ'בעגראב מיך פאר חרפה.
ערשטע: פארוואס?
צווייטע: כ'וואוין שוין א גאנץ האלב יאהר מיט איין מאן. ס'איז מיר א חרפה און א בושה — „וסטיד אי האנבא"...

### א יארסקע משפחה

— וואס רעדסטו? גלאבין איז טאקע אזא פערברענטער וועגעטעריאן?
— אבער נאך ווי, אפילו זיין ווייב איז אויך א פעטרישקע.

### א יאהר איז ער פערזארגט

— ס'איז אמת. אז אייער שעף האט בעקומען צוויי יאהר תפיסה פאר א בייזוויליגען פאנקראט? און וואס וועט זיין מיט איך? ווי אזוי וועט איהר איצט לעבען?
— וואס הייסט? איך האב דאך אויך בעקומען א יאהר!...

### אין קאמיסאריאט

א יוד פאלט אריין אין קאמיסאריאט מיט א געוואלד:
— פאניע פשאדאווניקו, אנ'אויבא האט מיך איר בערפאהרען.
— דעם נומער האט איהר געזעהען?
— ניין.
— ווי האט ער אויסגעזעהען?
— כ'ווייס נישט. כ'האב נאר געהערט א טראמביע און געפיהלט א כוואנד, אבער געזעהען האב איך איהם נישט.

### בעקאנטמאכונג

דערמיט טיילען מיר מיט דעם געעהרטען פובליקום, אז אונזער צירק איז געלונגען צו אנגאזשירען דעם בעריהמטען

### פאיאץ און בלאזן — קאוואלסקי

וואס האט זיך אזוי בעריהמט געמאכט מיט זיינע לעצטע פאיאצישע און בלאזאנסקע שטיק. קומט און איהר וועט זיך האלטען ביי די זייטען פון געלעכטער.

מיט אכטונג
די דרעק-ציע פון צירק
גראנד(ארענד)אווניק אי ספולקא.

# דער קונדס

הומאר ● סאטירע ●

צוזאמענגעשטעלט פון אב—נעק ●

ביילאגע צום „נייעם פאלקסבלאט" נומער 141 פרייטאג, דעם 19 יוני 1936

## אט א ר־אס איז ער אינגאנצען...



דער „חכם" קאוואלסקי — אזוי
ווי ער גייט און שטייט!...

